חודש טבת תשס"ט לפ"ק

מטרתו:
להכריז קבל העולם ומלואו שהציונים אינם דוברים בשם ישראל - ונאמנים אנו לתוה"ק

נטורי קרתא
True Torah Jews

- גליון י"א -

# לא בחיל

מיוסד עה"כ "לא בחיל ולא בכח כי אם ברוחי אמר ה"צ" (זכרי' ד')

הנה עיני ה"א **בממלכה החטאה והשמדתי אתה מעל פני האדמה** אפס כי לא השמיד אשמיד את בית יעקב נאם ה' (עמוס ט, ח-יא)

א קלארער בליק אין די פינסטערניש:

## באשיינפערליכע מציאות אויף יעדן שריט פון מלכות המינות שרייט אויס:

# והיא לא תצלח!

אידישע קינדער שטייען אין א פארצווייפלטן צושטאנד, מחוץ תשכל חרב ומחדרים אימה, דער ביטערער אומגליק וואס האט באטראפן כלל ישראל מיט איבער זעכציג יאר צוריק ווערט וואס א טאג טיפער און ווייטאגליכער, אידן געפונען זיך באמת אין א געפאר איבער דער גארער וועלט בכלל און אין ארצינו הקדושה בפרט, אלעס צוליב דעם מלכות המינות און זייער העברה על השבועות כנגד הקב"ה וואס זענען ליידער מורד באומות רח"ל וואס דאס ברענגט די שוידערליכע ביטערע נאכפאלגן ה' ישמרינו.

עס איז ווייטאגליך צו הערן דאס שטארקע צומישעניש און בלבול המוחות וואס הערשט איבעראל, דער שווערער מצב סכנה ברענגט צומישטע געדאנקען ווען מאנכע דרייען זיך ארום מיט קושיות "וואס דען זאל מען טוען?, די אראבער שיסן ראקעטן? מען מוז ראטעווען? וכהנה וכהנה, וועלכע קומען אלס רעזולטאט פון די אלע צייטונגען און פראפאגאנדיסטן למיניהן וועלכע פיטערן דעם עולם מיטן מ'כלומר'שטן "פאלטישן קוק ווינקל".

אידישע קינדער מאמינים בד' ובתורתו הקדושה זענען אבער איבערצייגט כשמש בצהריים איבערן פאלשקייט דערפון סיי פון "תורה'דיגן קוק ווינקל" און סיי פון "פאליטישן שטאנדפונקט".

**א איד וואס איז אַ מאמין בד':** קען זיך נישט אַריינרעדן אפילו אויף איין רגע, אַז די מיליטערישע אַקטיוויטעטן פונעם ממשלת הכופרים אין עזה, קענען העלפן כלל ישראל. מיר זענען פאַרזיכערט אַז די מעשים פון די כופרים קענען בשום אופן נישט האָבן קיין הצלחה, וויבאַלד דער גאַנצער קיום המדינה מיט אירע מלחמות זענען קעגן דעם רצון השם. ווי משה רבינו ע"ה האָט געוואָרענט די מעפילים וועלכע זענען געגאַנגען כובש זיין ארץ קעגן די גזירת השם: "למה אתם עוברים את פי ה' והיא לא תצלח". און ווי דער אבן עזרא זאָגט דאָרט אַז קיין שום העברת פי ה' קען בשום אופן נישט האָבן קיין הצלחה.

**א איד וואס איז אַ מאמין בד':** באגרייפט אז אפילו עס זאל אויסקוקן מיטן מענטשליכן שכל אז זיי זענען מצליח, און אז פון זיי קומט ארויס א טובה פאר אידן, איז דאס בלויז א סמיות עינים פונעם שטן וועלכער איז דער שר המושל עליהם און ברענגט זייערע הצלחות המדומות כדי אריינצוכאפן אידן אין נעץ פון כפירה ומינות ל"ע.

**א איד וואס איז אַ מאמין בד':** וואס גלייבט אין די תורה הק' און אין דברי חכמינו ז"ל ווייסט – אפילו מען וואלט דאס נישט געזעהן מיט די אויגן – אז פון די מדינה הציונית וואס יעדע רגע פון איר עקזיסטענץ איז דאס מכעיס ומצער דעם בוכ"ע מיט די העברה על השבועות, מיט די מרידה בהקב"ה, מיט די כפירה ומינות וניאוץ ד', אז זיי ברענגען דעם גרעסטן אומגליק אויפן כלל ישראל, פארוואס, ווייל אזוי זאגט אונז די תורה הקדושה, אזוי האבן אונז חכמינו ז"ל געווארענט, דורך מינים וכופרים וועט קיינמאל קיין טובה נישט ארויסקומען פארן כלל ישראל, דורך העברה על השבועות קומט בלויז די

# דברות קודש קילורין לעינים

## מדברי רביה"ק זי"ע לאור המצב

ובעת הנסיון הגדול הזה כל אחד ישים נפשו בכפו ויבדוק פנימיות לבו, **וישגיח על דיבורו, כי בדיבורים האלה תלויים עיקרי האמונה**, ויש אובד עולמו בשעה אחת ובדיבור קל. (מספה"ק **על הגאולה ועל התמורה סי' ע"א**)

...אזוי זעמיר היינט אין ארצינו הקדושה, וועלכען דרך מ'וועט אנכאפן איז א גרויסע סכנה, חלילה אז די אוה"ע זיגן איז א סכנה פאר די יודען וואס זענען דארט, און אז זיי וועלן זיגן די כופרים איז נאך א גרעסערע סכנה, ווער ווייסט וואס ס'קומט נאך חלילה, ווער ס'איז נאך א מאמין אין די תוה"ק ווייסט דאך אז יעדער טריט און יעדער שריט איז באיסור, למה זה אתם עוברים את פי ה' והיא לא תצלח, זאגט דער אבן עזרא וועלעכעס ס'איז העברת פי ה' קען נישט האבן קיין הצלחה, און עקסטער די הצלחה אי איז א סכנת הנפש, ס'ווערט דערהויבן דער כבוד המינות אז מ'זאגט בחנו את אלקים, איז דאס נאך ארגער, גדול המחטיאו יותר מן ההורגו איז דאך נאך ארגער, דער פלאן איז אויך נישט גוט.

איין עצה איז דא בעולם, מ'זאלמיר זוכה זיין באלד צו ביאת המשיח און דער מלך המשיח זאל דאס מבטל זיין כעפרא דארעא, אז ס'וועט גיין דורכן מלך המשיח וועט עס זיין מיט רחמים וחסדים, נפלה נא בידי ד' ובידי אדם אל אפולה, מ'זאל נישט אריינפאלן אין מענטשנ'ס הענט, איבערדעם איז דא נאר איין עצה, ווייל דאס איז דער רעכטער זיבורא ועקרבא, ס'איז דא געשעהן דער רעות רבות וצרות, דעס איז מצירות זה את זה, ס'איז אזוי נישט גוט און אזוי נישט גוט, ס'איז אזוי א סכנה און אזוי א סכנה, **מ'קאן מיר נישט טוהן עפעס אנדערשט נאר בין תנור לכיריים זיך** ☜

☞ **אויסוויינען פארן באשעפער, ער זאל ארייננשיינען אמונה אין יודישע הערצער, און האפן צום באשעפער, דעס איינע, דער בורא כל עולמים איז א כל יכול, ער קאן אויסטראכטן א פלאן, גדול העצה ורב העליליה, מיט אונזער מענטשליכן שכל קאן מען נישט טראכטן קיין פלאן ס׳זאל גוט זיין,** נאכדעם וואס די רשעים האט זיך געגלוסט צו זיצן אויפן בענקל, אוי וויי, נאך דעם ביטערן אומגליק וואס ס׳איז געשעהן דעם כלל ישראל אז כופרים האבן זיך אזוינס גענומען, מיט אזא חוצפה, נגד השי״ת ונגד תורתו הקדושה, און זענען כסדר מחציף פניהם קעגן הקב״ה. **(מדברות קודש ס״ג וישלח תשי״ז)**

....מ׳זאל איבערזאגן אין מיין נאמען, ווער ס׳פרייט זיך מיט דעם נצחון (של הציונים) איז מינות נזרקה בו, איך וויל מ׳זאל דאס מפרסם זיין, זאלן זיי וויסן, ווער ס׳פרייט זיך מיט דעם נצחון איז מינות נזרקה בו, ער פרייט זיך מיטן ס״מ, און ער פרייט זיך מיט יודיש בלוט, ס׳איז נישטא וואס צו רעדן... **״איך הייס מ׳זאל דאס זאגן אין מיין נאמען, זאל מיר קומען יעדער שפייען אין פנים, לאז מיר קומען יעדער שפייען אין פנים״, איך זאג ווער ס׳זאגט דאס דער איז אן אפיקורס, ... מ׳זאל נאכזאגן אין מיין נאמען אז ווער ס׳איז צו דעם נישט מסכים דער איז א כופר בתורה, ער ווייסט נישט אז ער איז א כופר בתורה, ס׳איז נישט קיין ראי׳, היינט איז דא די רעליגיעזע אפיקורסים, אזוי ווי יענער האט געדינט די ע״ז, ער האט געהאט מסירות נפש פאר די תורה און ער האט געדינט ע״ז...**

ווי קאן קלערן א איד וואס ער האט איינמאל געזאגט שמע ישראל אז ס׳איז גוט פארן כלל ישראל די מלוכה זאל עקזעסטירן, ברוחניות ובגשמיות, אייביג איז מען אין א סכנה דורך זיי, **מ׳קאן נישט וויסן קיינמאל, כ׳ברויך נישט זיי זאלן שפילן א ראלע, אלע פאליטיקן איז מען דאך איבערגעגעבן ביי זיי אין די הענט, ביי כופרים! ביי רשעים! ביי אכזריים! בין איך איבערגעגעבן אלע פאליטיקן, אין די גאנצע וועלט הערט מען ביי די אומות געקאנט בעסער אויסקומען ווען נישט זיי, ווער ברויך זיי, ווי קארן א יוד קלערן איך ברויך האבן א ניאוץ ה׳, איך ברויך האבן א מלוכה זאלן אויס׳שמד׳ן אידן און זאלן גוזר זיין גזירות רעות אויף** ☜

גרעסטע אומגליקן און צרות יגון ואנחה רח״ל, דער אייבירשטער זאל שומר ומציל זיין יעדעס אידיש נפש פון דעם גרויסן חרון אף וואס קומט ה״י דורך דאס מלכות המינות יעדע רגע.

## מען ברויך זיך עפענען די אויגן

עס איז ממש צום שטוינען וויאזוי עס קען זיך נאך געפונען א מענטש מיט אביסל שכל אין קאפ וואס זאל נאך האבן איין הוא אמינא בעולם אז פון זייערע שרעקליכע מעשים זאל גאר א טובה זיין פאר אידן, אינדערצייט וואס די בלוטיגע פאקטן שרייען אין פנים אריין, מען ברויך זיין בלינד אינגאנצן אז מען זאל דאס נישט זעהן, ווי יעדער ריר וואס זיי האבן נאך געטוען, צו באשיצן, צו ראטעווען, נקמה צו נעמען, האט גאר געברענגט נאך פיל שרעקליכערע סכנות אויפן כלל ישראל, במקום הקודש און איבער די גאנצע וועלט.

## די בלוטיגע פאקטן שרייען:

נאך באלד 2 וואכן פון מיליטערישע אקציעס אין עזה האט זיך נאך קיין איין טאג נישט אויפגעהערט די ראקעטן און מיסיל שיסערייען אריין קיין ארץ ישראל, די סכנה איז נישט קלענער געווארן מיט א משהו, אדרבא עס האט אויפגעפלאקערט דאס פייער אויף א שרעקליכן פארנעם, עס איז געגוי ווי איינער וויל אויסלעשן א פייער און ער שפריצט ארויף דערויף טאנקען מיט נאפט, די וואנזיניגע מושלי הציונים זענען לכתחילה אריינגאאנגען אן קיין שום פלאן אז דאס זאל עפעס אויפטוען און פארמינערן די סכנה, נאר נקמה צו נעמען און צופרידן צושטעלן די ״רעכטע עקסטרעמיסטישע פארטייען״ עס האט אבער גאר קיין שייכות מיט קיין הצלה, און א טובה פאר אידנס וועגן, רק רע כל היום, זיי זענען ארייגעגאנען אין א מקום מוכן לפורענית ווי עס איז נישטא קיין שום מעגליכקייט אז זיי זאלן געווינען א מלחמה, עס איז ניטאמאל שייך דאס ווארט געווינס, ווייל דער אראבער אינטערסירט ניטאמאל וויפיל מען הרגעט אויס פון זיי, זיי זענען דאך לכתחילה גרייט אויף זעלבסט מארד, ביי זיי איז הכל ריוח וואס זיי הרגענען צוריק ה״י און סטראשען ווייטער מיט שרעקליכע אטאקעס רח״ל.

דאס אליין וואס מען זעהט קליפ און קלאר, ווי אזא מעכטיג מיליטער וואס די מדינה הציונית פארמאגט אויסגעשטאטעט מיט די פארגעשריטענסטע געווער, טאנקען, און עראפלאנען, קענען זיך נישט קיין עצה געבן מיט אזעלכע פרימיטיווע אראבער, זיי גייען שוין אן 2 וואכן מיט א מלחמה און מעכטיגסטע אטאקעס און עס האט נאך גארנישט פארמינערט און אונטערגעברענגט די כאמאס פון צוריק קעמפן, די ראקעטן גייען ווייטער אן ה״י, דאס איז דאך דער גרעסטער באווייז אז עס איז יד ה׳, דאס איז דער ריכטיגער פועל יוצא פונעם שרעקליכן פורענית וואס קומט אויף די העברה על השבועות, און אויף דעם וועט דאס מעכטיגסטע געווער און מיליטער נישט העלפן כי הוא זה, אדרבא יעדער שריט וואס איז א פרישע העברה על השבועות וועט דאס נאר פארשטערקערן רח״ל.

## בינו שנות דור ודור

נישט בלויז די איצטיגע מלחמה איז א קלארער באווייז דערויף – וואס לאמיתו של דבר ברויך מען בכלל נישט קיין באווייזן – נאר די גאנצע בלוטיגע היסטאריע פונעם מלכות המינות זינט די ציונים האָבן בעוה״ר אָקופירט דאָס הייליגע לאַנד זאגט דאס ארויס, איז אין לך יום שלא תהא קללתה מרובה משל חברתה. עס איז נישטאָ נאָך אַ מדינה איבער די וועלט וועלכע עקזיסטירט קוים 60 יאָר, וואָס זאָל שוין האָבן געליטן פון אַזויפיל מלחמות, ווי די ״אידישע״ מלוכה וועלכע האָט אָקופירט דאָס הייליגע לאַנד, קעגן די שבועות פון השי״ת, מ׳זאָל נישט עולה זיין בחומה איינצונעמען ארץ ישראל פאַר ביאת המשיח, באַגלייט מיט די שאַרפע אזהרה: ״ואם לאו אני מתיר את בשרכם כצבאות וכאילות השדה״ ר״ל.און אלע זייערע הצלות און הצלחות מיט זיי האבן געפיטערט די וועלט און ספעציעל די אלע רעליגיעזע נאכשלעפער שרייען אויס קלאר אז

# העברת פי ד׳ היא לא תצלח

ס׳איז שוין איצט די אַכטע מלחמה צווישן די ציונים און די אַראַבער זינט די התייסדות המדינה בשנת תש״ח. עס איז נישט אדורך קיין איינע פון זייערע מלחמות וואס האט נישט געברענגט ביטערע אומגליקן און פורענית אויפן כלל ישראל

### <u>מלחמת השחרור שנת תש״ח</u>

אָנגעהויבן פון די א.ג. מלחמת השחרור בשנת תש״ח; זענען דאך ליידער בעוה״ר טויזנטער אידישע נפשות אומגעברענגט געווארן אין די שרעקליכע מלחמה ווען זיי האבן צוגענדיגט ערפילן בשלימות דער ״רק בדם תהי׳ לנו הארץ. אבער זינט דאן איז נאכנישט אדורך קיין תקופה אן קיין צרות און טעראר אטאקעס, דער עזה פאס איז דאך א ריכטיגער מקום מוכן לפורענית זינט די התייסדות המדינה — ווען טויזנטער פאַלעסטינער פליטים וואָס זענען פאַרטריבן געוואָרן פון ארץ ישראל האָבן זיך באַזעצט אין עזה — זענען שוין פון דאָרט געקומען מערערע

טעראָר-אַטעקעס קעגן אידן וועלכע וואוינען נעבן די גרעניצן פון די מדינה. אין די ערשטע יאָרן נאָך די הקמת המדינה, ווען עזה האָט באַלאַנגט צו מצרים, האָבן זיך אין עזה אָרגאַניזירט די טרויעריג-באַרימטע פאַלעסטינער-פעדאַאין טעראָריסטן באַנדע, וועלכע פלעגן זיך אַריינכאַפּן אין די דרום ישובים און האָבן דאָרט דורכגעפירט אַטאַקעס קעגן אידן ר״ל, אַלס נקמה קעגן די מדינה וועלכע האָט פאַרטריבן די פאַלעסטינער איינוואוינער פון ארץ ישראל. ווייל **...העברת פי ד׳ היא לא תצלח!**

**<u>מלחמת כיבוש סיני בשנת תשי״ז;</u>**

די דאָזיגע פעדאַאינער אַטאַקעס זענען געווען איינע פון די מדינה פירער׳ס אויסריידן, ביי די מלחמת כיבוש סיני בשנת תשי״ז, ווען זיי האָבן אָקופירט דעם מדבר סיני אין שליחות פון פראַנקרייך און ענגלאַנד, כדי צו באַפרייען דעם סועץ קאַנאַל פאַר זייערע שיפן. און גלייכצייטיג האָבן די ציונים דעמאָלט אָקופירט דעם עזה-פאַס פון עגיפטן. זיי האבן דאן געשאלט און טרומפייטערט מיט זייערע געוואלדיגע הצלחה אקעגן די צוריק געבליבענע אראבער, די גאנצע אידישע וועלט איז געווען צוטומעלט און צורודערט פון זייערע הצלחות, אבער עס האט נישט געדויערט געציילטע וואכן און פון אלעס האט זיך אויסגעלאזט א זייפן בלאז, נאָך עטליכע וואָכן זענען זיי געצוואונגען געוואָרן דורך די אַמעריקאַנער רעגירונג זיך צוריקצוציען פון מדבר סיני און עזה-פאַס און עס איז ווייטער געווען "מפטירין כדאתמול", די פעדאַאינער טעראָריסטן האָבן ווייטער דורכגעפירט טעראָר-אַטאַקעס פון עזה און פון ירדן קעגן די מדינה. פארוואס, ווייל **...העברת פי ד׳ היא לא תצלח!**

**<u>מלחמת ששת הימים בשנת תשכ״ז;</u>**

מיט צען יאָר שפעטער, ביי די א.ג. מלחמת ששת הימים בשנת תשכ״ז, האָבן די ציונים, ביי די ענדע פון זייער גרויסן נצחון קעגן מצרים, ירדן און סיריע, אָקופירט אויך דעם עזה-פאַס. וואס זינט דאן האבן זיי 40 יאר אין א צי געליטן געבראטענע צרות פון דארט, זייענדיג באַזעצט מיט אַ מיליאָן דערביטערטע פאַלעסטינער פליטים, און זיי האבן טאקע אויסגעטיילט ציפקע צרות פאר די ציוניסטישע אָקופירנדע מאַכט. דער כיבוש עזה האָט אָפּגעקאָסט אומצאליגע אידישע לעבנס ר״ל.

לאמיר נאר א קוק טאן וואס איז געווארן פון די גרויסע "הצלחות" און "נסים" וואָס די ציונים האָבן געהאַט בשנת תשכ״ז, ביים איינעמען דעם מערב ברעג און עזה און אַנדערע אָקופירטע שטחים, וואָס האָט מען דערפון, וויפיל טויזנטער אידישע נפשות האט דאס שוין אפגעקאסט?, און אידיש בלוט גיסט זיך ליידער צוליב דעם עד היום הזה.

נאכן איינעמען דעם עזה פאס האבן די רעליגיעזע ציונים שטאַרק "מהדר" געווען מקיים צו זיין מצות ישוב ארץ ישראל דייקא אינעם עזה-פאַס, אינעם מויל פונעם לייב. האָבן זיי געגרינדעט התנחלויות פון ישובים אין עזה-פאַס, וואו זיי האָבן זיך באַזעצט אין שכינות פון די אויפגעברויזטע פאַלעסטינער, וועלכע האָבן יאָרן לאַנג נישט אויפגעהערט אַריינצושיסן ראַקעטן אין די ישובים, פון וועלכע צענדליגער אידן זענען נעבעך אומגעקומען במשך פון די יאָרן. די מתנחלים האָבן זיך "מוסר נפש געווען" פאַר די עבירה פון התגרות באומות, זיך צו באַזעצן דייקא אין עזה. אַרויסצואווייזן די בעלות פון אידן אויף ארץ פלישתים, וואָס דאָס האָט נאָך מער אויפגערייצט דעם צאָרן פון די פאַלעסטינער

**☞ יודן? און ס׳איז כנגד התורה, און כנגד די שבועות ס׳איז א סכנה, ווער קאן קלערן אז מ׳ברויך האבן אזוינס אויף דער וועלט, ווער זאל דאס קלערן, ווי קאן מען דאס אפילו קלערן, ממש יהרג ואל יעבור פאר אזא מחשבה, ווי קען מען דאס קלערן אז מ׳ברויך האבן אזאלעכע אויף די וועלט, און די גאנצע מלחמה איז פאר דעם, דערציילט מיר א גאנץ גליק אז מ׳האט געזיגט, מהאט עס נישט געברויכט, מ׳האט זיך נישט געברויכט שלאגן...**

..מ׳דארף מתפלל זיין יודען זאלן ניצול ווערן, דאס יא, אבער חלילה מ׳זאל זיך פרייען מיט זיי... (מתוך שיחת קודש של רביה״ק זי״ע בימי מלחמת ששת הימים בביתו (עיין ס׳ דברות קודש נשא בהעלותך מהדורא תניינא באורך כל השיחה קילורין לעינים)

## די עזה אַוואַנטורע:

# וואָס איז דער עכטער ציל? וואָס זענען די פאַקטישע רעזולטאַטן פון אַנטיסעמיטיזם איבער די וועלט ה״י?

## נטרונא׳ס רעאַקציע האָט גאָר שטאַרקער אָפּקלאַנג

גלאָבאַל – אין אַלע נייעס קוועלער הערט מען איצט באַריכטן פון אשדוד, שדרות, עזה, רפיח גרעניץ, און נאָך מיטל מזרח שטעט וואו עס ווערן באָמבאַדירט צילן, לאַנד טרופּן פירן דורך אַקציעס, גראַד מיסילס און קאַסאַם ראַקעטן קומען צו פליען, און משפחות אַנטלויפן זיך צו באַשיצן. דער מצב אין מיטל מזרח איז זייער נישט רואיג, נאָך וואָס די ציונים האָבן אונטערגענומען זייער אַקציע אויפן עזה פּאַס, אָבער דער פייער פלאַקערט נישט בלויז אין מיטן מזרח. עס ברענט אויך די הויט פאַר אחינו בני ישראל איבער די וועלט. די אַנטיסעמיטיזם וואָס דאָס האָט צושפּרייט איז שרעקליך. אומעטום הערט מען פון האַסן אינצידענט, ומי יודע מה יולד יום ה״י.

געניי ווי גדולי ישראל האָבן געוואָרנט, האָט די מדינה הטמאה אָנגעזייעט אין אַלע יאָרן אַ שרעקליכע אַנטיסעמיטיזם, אָבער דאָס מערסטע קומט עס צום אויסדרוק אין די איצטיגע צייטן. אויב אין ניו יאָרק, און אין אַנדערע אידישע צענטערן, שפּורט מען עס נישט אַזוי שטאַרק, זענען אַנטיסעמיטישע אַטאַקעס, שריפות, שטיינער וואַרפערייען, פיזישע אָנגרייפן, ביז רציחה ממש, אָפטע נייעסן אין די טעג אין אייראָפּע, און אין אַנדערע ערטער וואו עס וואוינען קלענערע געמיינדעס אידן, כשה אחת בין שבעים זאבים.

צו נטרונא קומען אַריין טעגליך הילפס רופן און ווי געשרייען פון אידן איבער די וועלט, וועלכע זענען במשך די יאָרן באַקאַנט געוואָרן מיט די ריינע השקפה אַדאַנק די אָרגאַניזאַציע׳ס אויפקלערונגען, און באשטעטיגען אַז איצט זעען זיי איין בחוש אַז די אַלע אזהרות קעגן די מדינה הטמאה זענען ריכטיג.

אידן באַריכטן אַז זיי ציטערן אַרויסצוגיין אויף די גאַס, מורא האָבנדיג פון פּראָ-פּאַלעסטינער עלעמענטן. מענטשן וועלכע זענען ביז היינט געשטאַנען אין די זייט, אין מדינות פון וואו מ'האָט כמעט נישט געהערט קיין אידישע קול מחאה קעגן ציונ'יזם, בעטן זיך איצט אַז מ'זאָל לאָזן הערן דעם קול ה' בכח, אַז אידן האָבן נישט קיין חלק מיט די ציונ'יסטישע באַוועגונג, און שטיצן נישט זייערע מיליטערישע אַקציעס. אַזוי אַרום האָפן זיי אַביסל אָפּצוטאָן די שרעקליכע האַס וואָס איז דאָ קעגן אידן אין די גאַס.

## וואָס איז דער ציל?

נאָך וואָס מדינת ישראל האָט אונטערגענומען די איצטיגע אַקציע, אונטער'ן נאָמען עופרת יצוקה, האָבן אָבזערווירער איבער די וועלט געשטוינט, וואָס איז דער ציל?

יאָ, דער אויסרייד אַז מ'האָט געשאָסן ראַקעטס! ס'איז נישט זייער נישט באַ'טעמ'ט ווען מען שיסט מיסילס אין באַוואוינטע געגנטן! אָבער דאָס איז נישט קיין נייעס. ראַקעטס פליען שוין יאָרן, איזראַלישע פירער האָבן אין די פאַרגאַנגענהייט שוין דערקלערט אַז מ'וועט זיך מוזן צוגעוואוינען דערצו, און דאָס וועט ווערן אַ טייל פונעם טעגליכן לעבן אין די דרום געגנטן. וואָס האָט זיך איצט געטוישט?

וואָס וועט מען דען דערגרייכן פון אַ קריג? די עקסטרעמיסטישע אַראַבער, האָט די היסטאָריע געוויזן, קען מען נישט אויסוואָרצלען. ווער נאָך ווי איזראַעל ווייסט אַז נאָך יעדע קריג פאָלגט נאָך בלוטיגע אַטאַקעס ה"י, פון די אויפגעהעצטע טעראָריסטן. טאָ, וואָס טויג עס?

איזראַעל האָט אין די לעצטע צוויי יאָר שוין אונטערגענומען דריי אַקציעס אָפּצושטעלן די ראַקעטן, טראָגנדיג די נאָמען פון אַלע סעזאָנען: מבצע גשמי קיץ; ענני סתיו (הערבסט רעגן); און חורף חם. אָבער נאָך אַלעם איז מפטירין כדאתמול. פאַרוואָס עפּעס איז דאָ אַ קלער אַז עופרת יצוקה זאָל אויסלאָזן עפּעס בעסער?

דורכאויס די אינוואַזיע פליען ווייטער ראַקעטן. די איזראַעלישע מיניסטאָרן זאָגן טאַקע אַז די סיטואַציע וועט זיך מוזן טוישן, אָבער קיינער איז נישט אַזוי נאַאיוו צו גלייבן אַז מ'וועט קענען אָפּשטעלן די טעראָר באַנדעס.

נאָך אַזויפיל יאָרן זעט מען שוין איין אַז צוביסלעך דאַרפן די איזראַעליס אַלץ צוריקטרעטן. וואָס זיי פאַרלאַנגן היינט, האָבן זיי בשום אין אופן נישט געוואָלט צולאָזן אַמאָל. נעמט אַ ביישפיל די אינטערנאַציאָנאַלע באַאָבאַכטער, וואָס ביז נישט לאַנג צוריק האָט איזראַעל עס נישט געוואָלט אַריינלאָזן פאַר קיין געלט, מורא האָבנדיג אַז די באַאָבאַכטער וועלן זיך שטעלן אויף די זייט פון די פּאַלעסטינער און עס וועט ברענגן וועלט דרוק קעגן זיי. איצט איז דאָס זייער הויפּט באַדינג פאַר אַ פייער אָפּשטעל.

עס איז שוין קלאָר פאַר יעדן בר דעת, און אפילו נישט אַזאַ גרויסער בעל דעת, אַז די מדינה האָט נישט קיין געהעריגע צוקונפט, על פּי דרך הטבע. מ'האָט שוין פּרובירט מיט בייזן, מ'האָט שוין פּרובירט מיט שלום מיט געוויסע פראַקציעס, וועלכע האָבן שפּעטער זיך צוריקגענומען צו געווער, אָדער האָבן אויסגעשפּראָצט פרישע גרופּעס ווייטער צו קעמפן.

אַלע ביז איצטיגע קריגן האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט אַ דורכפאַל, זאָפאָרט אָדער שפּעטער. די אין וועלכע מ'האָט עפּעס געוואונען, ווי די זעקס טאָגיגע מלחמה,ליידט מען נאָך פון די געווינסן ביזן היינטיגן טאָג. דאָס איז אַמאָל קלאָר אַז די איצטיגע אַקציע האָט נישט קיין קלאָרע ערקלערונג, און קיינער גענוי ווייסט נישט וואָס זענען די צילן. עס וועט זיך ענדיגן מיט אַכט הונדערט טויטע פּאַלעסטינער, עטליכע אידישע קרבנות, אָבער וואָס ווייטער. מ'וועט האָדעוועט נאָך אַ דור מיט אַ גרעניץ-לאָזע האַס קעגן איזראַעל און אידן, ה"י.

די ריכטיגע סיבה פון קריג, ווערט אין די איזראַעלישע און אַלוועלטליכע נייעס קוועלער אַסאַך באַצייכנט אַלס "געמבל."

פליטים קעגן אידן.

דער כיבוש עזה האָט זיך אַרויסגעשטעלט צו זיין אַ קלאָפּאָטע פאַר די מדינה, ביז די מדינה פירער האָבן געזוכט פטור צו ווערן דערפון. און בשנת תשס"ג האבן זיי בחרפות ובבושות געמוזט מאכן אַ ריקצוג פון עזה. און אויפלעזן די דאָרטיגע מתנחל'ישע ישובים, און די ציוניסטישע צה"ל האָט אַרויסגעטרעטן פונעם עזה-פאַס, לאָזנדיג עס הפקר פאַר די פּאַלעסטינער, מיט די האָפענונג אַז דאָס וועט ברענגען מער שלום און מנוחה פאַר די איבריגע טיילן פון לאַנד.

דערווייל אָבער האָט אויך דער ריקצוג פון עזה בכלל נישט געברענגט קיין שום מנוחה פאַר די מדינה. די כאַמאַס באַנדע האָבן באַוויזן צו פאַרכאַפּן די מאַכט אין עזה פון די פּאַלעסטינער באַהערדע. אויך נאָך דעם וואָס די צה"ל האָט פאַרלאָזט עזה האָבן די פּאַלעסטינער טעראָריסטן נישט אויפגעהערט צו שיסן ראַקעטן אויף די דרום ישובים פון ארץ ישראל. די פאַרביטערטע פּאַלעסטינער פליטים באַגענוגן זיך שוין נישט מיט זייער לאַנד עזה, זיי ווילן צוריקגיין צו זייערע וואוין ערטער אין ארץ ישראל, פון וואו זיי זענען פאַרטריבן געוואָרן בעת הקמת המדינה. דערפאַר ווילן זיי אונטערברענגען די ציוניסטישע מדינה. מען זעהט דאך קלאר ווי די כאַמאַס און די אַנדערע רוצחים באַנדע, זענען די שלוחי הפורעניות של מעלה ר"ל אַקעגן די מדינה הציונית, אלעס פארוואס ווייל **...העברת פי ד' היא לא תצלח!**

**<u>מלחמת יום הכיפורים בשנת תשל"ד</u>**

אין שנת תשל"ד זענען די ציונים אריין אין א מלחמה בעצם יום הכיפורים וועלכע האט דאן פארגאסן אן א שיעור אידיש בלוט דורכאויס די מלחמה, און עס האט ווייטער גארנישט אויפגעטון צו אונטערדריקן די אראבישע שכנים, אדרבא עס האט נאר זיי מער אויפגעברויזט און זיי געגעבן פרישן רייץ אפצוקעמפן און צוריק שלאגן מיט טעראר אטאקעס ה"י, עס האט זיך קיינמאל נישט אויפגעהערט די אטאקעס אויף אידן ה"י, פארוואס, ווייל **...העברת פי ד' היא לא תצלח!**

**<u>מלחמת לבנון א' בשנת תשמ"ב;</u>**

אין שנת תשמ"ב זענען די ציונים פריש אריין אין א מלחמה אין לבנון ווי זיי האבן דאן געטוען שרעקליכע התגרות באומות מיט גרויסע רציחות קעגן די אראבישע רוצחים, דעמאלט איז דאס נאך געווען קעגן די פי על או וואס איז דאן געווען די טעראריסטישע גרופע וואס האבן בעיקר געקעמפט קעגן די ציונים זיי האבן גע'הרגעט און געפלינדערט טויזנטער אראבער, דער ציוניסטישער ראש ממשלה בעגין ימ"ש האט זיך אויפגעטון נאך

די לבנון מלחמה מיט א באמבאסטישע מעלדונג אז אצינד וועט זיין "ותשקוט הארץ ארבעים שנה".

דערווייל, וואס עס האט זיך אויסגעלאזט ברויך מען קיינעם נישט זאגן, עס איז נישט דורך קיין לאנגע צייט, און אלע טעראר אטאקעס זענען צוריק דא, אדרבא זיי האבן דעמאלט אויפגעהאדעוועט די טעראריסטן, דעמאלט ווען זיי האבן געפירט מלחמה מיט די פי על או האבן די ציונים געגעבן גאר שטארקע שטיצע מיט שווערע געלטער פאר די "כאמאס" וואס איז געווען מער א "רעליגיעז וואוילטעטיגע ארגאניזאציע" און כדי אונטערצוברעכן די פי על או האבן זיי געשטיצט און געהאדעוועט די אייגענע שלענג" מיט דער צייט האט זיך עס איבערגעדרייט און די כאמאס זענען געווארן א גרויסע טעראר גרופע און די ציונים עסן אויף זייערע פרי ביאושים פון די שרעקליכע פורעניות וואס דער בוכ"ע שיקט, ה"י, פארוואס? ווייל **...העברת פי ד' היא לא תצלח!**

**<u>מלחמת לבנון ב' בשנת תשס"ו;</u>**

מיט דריי יאר צוריק זענען זיי ווידער אריין אין א שטארקע קריג אין לבנון, ווי זיי האבן יעדן טאג ערקלערט וואס פאר א מעכטיגע "טעראריסטן פירער" מען האט שוין אלס ליקווידירט און ארעסטירט, אבער וואס דער סוף האט זיך אויסגעלאזט ווייסט יעדער, זיי זענען ארויס פון דארטן בשן ועין נאכן פארלירן אומצאליגע קרבנות ה"י, אין די גאנצע וועלט האט אפגעקלונגען דאס שרעקליכע דורכפאל וואס זיי האבן געהאט, און די אלע טערראריסטן פירער וואס דארף דאך זיין א מ'כלומרשט א שטארקע הצלה, האט גארנישט געטוישט דאס שרעקליכע מציאות, ווייל דאס איז די גזירת הבוי"ת אז **...העברת פי ד' היא לא תצלח!**

**<u>מלחמה עזה א' בשנת תשס"ו</u>**

דאן בשנת תשס"ו אין דער זעלבער צייט ווען די מדינה האָט דעמאָלט געליטן דעם גרויסן דורכפאַל פון די צווייטע לבנון מלחמה, זענען זיי אויך ווידעראַמאָל אַריין אָקופירן עזה, מיט דער האָפענונג צו טרעפן א געפאַנגענעם סאָלדאַט און צו ליקווידירן די באַזעס פון וואו די ראַקעטן ווערן אַרויסגעשאָסן. זיי האָבן דאַן אומגעברענגט און אַרעסטירט הונדעטער כאַמאַסניקעס, אבער עס האט נישט גערירט קיין האר דאס מציאות, גענוי ווי זייערער דורכפאלן אין לבנון, האבן זיי אויך געליטן דורכפאַלן אין עזה, פון וואו זיי זענען אַרויס בשן ועין. זיי האָבן נישט באַוויזן צו געפינען דעם געפאַנגענעם סאָלדאַט, און זיי האָבן אויך נישט באַוויזן אָפצושטעלן די ראַקעטן שיסערייען פון עזה.

זינט דאַן זענען כמעט טאָג טעגליך פאָרגעקומען פייער אויסטוישן ביי די גרעניצן, לויט פילע אָבזערווירער, איז די קריג – וועלכע שיקט אַריין טויזנטער סאָלדאַטן אין געפאַר, און שטעלט אונטער מיסיל פייער פאַר הונדערטער טויזנטער איינוואוינער אין די דרום שטעט – אונטערגענומען געוואָרן צוליב די בעפאָרשטייענדע וואַלן. אהוד ברק מיט אויסערן מיניסטער ליבני האָבן געהאַט שמאָלע אויסזיכטן אין די בעפאָרשטייענדע וואַלן, דעריבער האָבן די צוויי, מעסיגערע פּאָליטיקאַנטן, באַשלאָסן צו פּרובירן אַ קריג, וואָס קען הייבן זייער פּאָפּולאַריטעט.

צוויי פּראָמינענטע ידיעות אחרונות קאָמענטאַטאָרן שרייבן אַז וואָס עס האָט זיך איצט געטוישט, איז "די שאָטן פון די וואַל קאַמפּיין...ביידע ליבני און ברק שטרייכן אונטער אַז אין אַלע זייערע שריט, אין אַלע זייערע באַטראַכטונגען, איז נישט געווען קיין שפּור פון וואַלן. די וואַלן איז זיי אפילו נישט אַריבער זייער מחשבה." אָבער די אַנאַליסטן פירן אויס: "איינער וואָס קוקט פון די זייט, קען באַקומען אַן אַנדערן איינדרוק." ענליכע סענטימענטן הערט מען פון אַנדערע פּאָליטישע אַנאַליסטן אין ארץ ישראל, אַז דאָס איז עכט אַ פּאָליטישער קאַמף. "אויב זיי וואָלטן נישט גענומען קיין שריט, וואָלטן זיי געווען פערטיג פּאָליטיש," זאָגט שמואל סאַנדלער, אַ פּאָליטישער פּראָפעסאָר אין בר אילן יוניווערזיטעט.

דאָס הייסט אַז צוליב אייגענע וואַל פּאָליטיק האָבן די מופקרים באַשלאָסן אָנצוהייבן אַ קריג מיט געפערליכע קאָנסקווענצן און פאַטאַליטעטן.

באמת איז פאר אונז גאר א קליינע נפק"מ וואס עס איז זייער סיבה פון די מלחמה, די גאנצער עקזיסטענץ איז העברת פי ה' והיא לא תצלח, נאר פאר די קארפען קעפ וואס ווילן אנקוקען די זאך גויאיש פאליטיש האבן מיר מאריך געווען מיט די באריכטען וואס אפילו "יענע חברה" זענען מודה.

זיי האָבן איצט אַ קלאָפּאָטע, לויט פילע, ווי אַזוי צו ענדיגן די קריג. עס זענען דאָ וואָס זאָגן גאָר אַז די איזראַעליס בעטן זיך ביי די אַמעריקאַנער אָנצוהייבן צו דרוקן אויף זיי, פאַר אַ פייער אָפּשטעל – וואָס אגב די וואָך האָט דער סענאַט געשטימט אויף אַ רעזאָלוציע וואָס רופט פאַר אַ פייער אָפּשטעל, וואָס געווענליך האָבן געזעץ געבער אין וואַשינגטאָן זיך נישט געוואַגט צו נעמען אַ שטעלונג קעגן איזראַעל, און דערקלערט זייער בלינדע שטיצע פאַר איר – כדי צו האָבן אַ תירוץ פאַרוואָס צו ענדיגן די קריג אָן קענען אָנווייזן וואָס עס האָט געברענגט.

אויב דער ציל איז נישט קלאָר, זענען אָבער די רעזולטאַטן און קאָנסקווענצן זייער אָפען!

## אַטאַקעס אויף אידן איבער די וועלט

לײדער, דאַרפן נישט בלויז די תושבי ארץ ישראל לעבן אונטער געפאַרן צוליב די מופקרים, נאָר איבער די גאַנצע וועלט הערט מען איצט פון אַן געפערליכן פלייץ פון אַנטיסעמיטיזם און אַנטיסעמיטישע אָנגרייפן, צוליב די אַקציע.

פון פראַנקרייך ביז תימן, פון גאָלדערס גרין ביז פלאָרידאַ, פון אַנטווערפּן ביז דענמאַרק, הערט מען פון אַנטיסעמיטישע אַקציעס און אַן אויפשטייג פון אַנטיסעמיטיזם, וואָס אי אפשר לפורטם כי רבים הם. מיר וועלן בלויז שנעל אַריבערלויפן, טייל פון די געשעענישן, וואָס איז וויכטיג אַז אידן זאָלן וויסן אַז מ'קען נישט זאָגן שלום עלי נפשי. די פעולות פון די ציונים ברענגן אַ געפערליכע העצע איבער די וועלט, און עס איז זייער וויכטיג צו אַרבעטן אויפן אויסגעהאַלטענעם וועג צו לאָזן הערן פאַר די אומות העולם אַז תורה-טרייע אידן האָבן נישט קיין שייכות מיט די מדינה און אירע אַוואַנטורעס.

## פראַנקרייך

פון די לאַנד וואו עס וואוינען די גרעסטע אידישע געמיינדע אין אייראָפּע – וועלכע ציילט זיך ביי זיבן הונדערט טויזנט – און (להבדיל) די גרעסטע מוסלעמענער באַפעלקערונג אין אייראָפּע, הערט מען גאָר ביטערע באַריכטן. לויט די אָרטיגע

'נאַציאָנאַלע בירוראָ פאַר וואַכזאַמקייט קעגן אַנטיסעמיטיזם,' האָבן זיי ביז דעם מיטוואָך באַקומען איבער הונדערט באַריכטן פון אַנטיסעמיטישע פעלער.

דער אינערן מיניסטער האָט גערופן אַ זיצונג פון אידישע און להבדיל מוסלעמענער פירער, אינאיינעם מיט פאָליציי שעפן, אין וועלכע ער האָט זיי גערופן צו פאַרזיכערן אַז דער מיטל מזרח קאָנפליקט ווערט נישט טראַנספערירט צו זיין אין לאַנד. אָבער מען הערט ליידער יאָ פון אַ הויכע צאָל געפערליכע פעלער. טייל פון די ערנסטע אינצידענטן זענען:

**אידישער דאָקטאָר דערמאָרדעט -** אַ אידישער דאָקטאָר פונעם אַלזשירער אָפּשטאַם, דעסייר אַמסעלען, איז דערשאָסן געוואָרן במשך דעם סוף וואָך אין זיין אָפּיס, וואו מען האָט אים געפונען מיט אַ קויל אין קאָפּ נאָך אַ טאָג וואָס מען האָט נישט געהערט פון אים. נאָכן זיך ראַנגלען פאַרן לעבן במשך עטליכע טעג, האָט ער מיטוואָך נעבעך אויסגעהויכט די נשמה. מען פאַרדעכטיגט אַז די אַטאַקע איז געווען פאַרבינדן מיטן מצב אין ארץ ישראל.

**פראָטעסטן און ראַיאָטן -** די שיסעריי האָט נאָכגעפאָלגט נאָך וואָס סוף וואָך זענען פראָ-פאַלעסטינער דעמאָנסטראַציעס אין פאַריז אַרויס פון קאָנטראָל, און אויטאָס זענען אונטערגעצינדן געוואָרן. די אידישע געמיינדע, איז דערשראָקן אַז די אויפרייצונג פון די גרויסע אַראַבישע באַפעלקערונג וועט חלילה ברענגען אַ מסוכנ'דיגע פלייץ פון געוואַלדטאַטן.

**אידיש מיידל צושלאָגן** – אַ פופצן יעריגע אידישע מיידל איז געוואָרן צושלאָגן דורך אַ באַנדע פון צען יוגענטליכע נאָכן פאַרלאָזן איר שולע דעם מאָנטאָג. די שלעגער האָבן איר געזאָגט אַז זיי נעמען נקמה פאַר די פאַלעסטינער אין עזה. פאָליציי האָבן אַרעסטירט עטליכע יוגענטליכע. ריטשאַרד פּרעסקיער, פירער פון די קרי"ף אידישע דאַך גרופּע אין לאַנד, האָט געזאָגט: "איבעראָל אין פראַנקרייך, באַריכטן מענטשן מער און מער אַנטיסעמיטישע אַטאַקעס."

**קאַר פייער באָמבע אַריינגעפירט אין שול** – וואַנדאַלן האָבן אַריינגעפירט אַ קאַר מיט אַ ברענעדיגע פייער באָמבע דערין אין אַ שול אין טאָלאָוסע, אינעם דרום טייל פון פראַנקרייך. זיי האָבן קודם אָנגעצינדן די ברען באָמבע אין איין קאַר, און דערנאָך עס פרובירט אַריינצופירן דורך עס שטופּן מיט אַ צווייטע אויטאָ. עס האָט ב"ה קיינעם נישט געשעדיגט. דער רב און אַרום צוועלף קינדער וועלכע האָבן דאָרט געלערנט ווען דער אינצידענט האָט פּאַסירט, זענען באַצייטנס אַרויס פון די געביידע. די פייער איז אויך צייטליך פאַרלאָשן געוואָרן, און עס האָט בלויז עטוואָס פאַרשוואַרצט די טיר פון די שול.

**ענגלאַנד**

אין לאָנדאָן, האָט די קאָמיוניטי סעקיוריטי טראָסט – וועלכע גיט זיך אָפּ צו באַקעמפן אַנטיסעמיטיזם - באַריכטעט אַז אין דעם וואָך זינט דעם אָנהייב פון די איזראַעלישע אינוואַזיע האָבן זיי רעקאָרדירט 20-25 אַנטיסעמיטישע אינצידענטן, אַרויף פון 2-3 אינצידענט געוויינליך אין אַזאַ צייט, אין די חגאות סעזאָן. טייל פעלער האָבן פּאַסירט האַרט ביי די היימישע געגנטן, ווי אין סטעמפאָרד היל און גאָלדערס גרין, און אין מאַנטשעסטער.

**פראָטעסטירער זייען אָן שרעק אין גאָלדערס גרין** – אין די אידישע גאָלדערס גרין געגנט, האָט פאָריגן מיטוואָך אַ באַנדע פון צען-פופצן פאַלעסטינער דורכמאַרשירט די הויפּט גאַס, און אָנגעזייעט שרעק, שרייענדיג אויף דורכגייער. זיי האָבן אויך אַטאַקירט ביזנעסער און אָנגעגריפן איין דרייווער אין אַ קאַר. זיי האָבן אויך געוואָלט אַריינגיין אין כשר'ע געשעפטן און אידישע ביזנעסער, אָבער מ'האָט זיי באַוויזן צו פאַרטרייבן.

**רייצנדע אויפשריפטן אין אידישע ערטער -** דער אינצידענט האָט

וואָס האָט געמאַכט די מדינה ללעג ולקלס ווען עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז מיט זייער גאַנצן "כחי ועוצם ידי" קענען זיי נישט באַשיצן זייערע דרום ישובים. די פאַלעסטינער טעראָר-באַנדעס האָבן באַוויזן אַהערצושטעלן אַלץ מער און מער פאָרגעשריטענע און געפאַרפולע ראַקעטן און מיסלס וועלכע זענען שוין אָנגעקומען אין ווייטערע ישובים פון דרום ארץ ישראל, ביז אשקלון, נתיבות און אפילו באר שבע, וויאזוי קען דאס זיין? נאר ווייל **...העברת פי ד' היא לא תצלח!**

**<u>איצט איז די מלחמת עזה השנית.</u>**

אצינד ווען זיי זענען אריין אין די אכטע מלחמה זייערע אין אזא קורצע תקופה, און מען זעהט בחוש ווי דאס העלפט גארנישט אפצושטעלן די סכנה? אדרבא עס ווערט נאר גרעסער און שטערקער, קען דאך נישט זיין אז איינער וואס האט א מח בקדקדו זאל זיך איינרעדן איין רגע, אז זיי ראטעווען, זיי טוען עפעס אויף, בלויז ווייל מען הערט נייעס ווי זיי האבן דא באמבאדירט און דארט אטאקירט, געהרגעט אזויפיל טעראריסטן און אזויפיל פירער וכו' וכו', זיי אליין ווייסן קלאר מיט יעדן טריט טיפער אין עזה וואס זיי גייען אריין, אז זיי וועלן אויסשטיין געברענטע צרות, מען הרגעט סאלדאטן, ראקעטן פליען ווייטער אן אויפהער, די וועלט ברענט אין צארן, און עס קענען נאך זיך געפונען אידן וואס זאלן זיך איינרעדן און פרייען מיט סיי וועלכע "הצלחה" זייערע, אך און וויי צו אזעלכע גליקן ל"ע. ווייל **...העברת פי ד' היא לא תצלח!**

***<u>וואס איז דער שורש פונעם פראבלעם</u>***

דער "שורש פורה ראש ולענה" פון די אַלע צרות איז די אידישע מדינה, צוליב איר גיסט זיך כסדר אידיש בלוט, ואין מי שיאמר למלאך המשחית הרף. ווי חז"ל (כתובות קי"א) האָבן אונז געוואָרענט אַז אויב אידן וועלן זיך נעמען אַ מדינה פאַר די צייט, וועט עס אָפּקאָסטן אידיש בלוט. השי"ת האָט געוואָרענט אַז אויב מ'וועט נישט איינהאַלטן די שבועות, "הרני מתיר את בשרכם כצבאות וכאילות השדה" ר"ל. צדיקי אמת האָבן נאָך געוואָרענט פאַר די הקמת המדינה, אַז אויב וועט עווענטועל געגרינדעט ווערן אַ מדינה, וועט דאָרט זיין פאַר אידן דאָס ערגסטע מקום סכנה בגוף ובנפש. (הרה"ק מהרי"ד מבעלזא זצ"ל). אויב וועט זיין אַ מדינה אין ארץ ישראל וועלן זיי דאָרט קיינמאָל נישט האָבן קיין מנוחה. (הרה"ק מקאָלאָשיץ זצ"ל).

**וואס וואלט מען געברויכט טוען עפ"י תורה?**

ווען מען זאל אנפרעגן א דעת תורה, וואס די תורה הקדושה זאגט, וואס די חכמינו ז"ל האבן געזאגט, און וואס אלע צדיקים אמתיים אין אלע דורות האבן געזאגט, וואלט קלאר געווען דער ענטפער, אז מען ברויך גלייך אויפלעזן די גאנצע מדינה, מען ברויך אויף דעם האבן מסירות נפש, ווי מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע איז דאס מבאר

בספרו הק' ויואל משה, אבער אפילו עפ"י דרך הטבע, ווען די ציונים לעזן ווען אויף די די מדינה וואלט דאס געקענט זיין אן קיין שאס, אן קיין שאדן פאר קיין אידיש נפש, געגוי ווי דער קאמיניסטישער רעזשים איז זיך צופאלן ווי א זייפן בלאז אן קיין שאס, עס וועלט געקענט ארונטערגיין אונטערן אויפזיכט פון די מערב לענדער ווי ענגלאנד און אמעריקע, אדער דורך די יו-ען, און עס וואלט געווען שלו' ושלוה.

### וואס קענען מיר טוען אצינד?

וויבאלד עס איז א שרעקליכער פראבלעם פון זיבורא ועקברא, ווי רביה"ק מסאטמאר זי"ע האט געזאגט פון איין זייט שטייען די ציוניסטישע רוצחים וואס שטעלן אריין די אידן אין א סכנה בגוף ובנפש, און פון די אנדערע זייט זענען די אראבישע רוצחים וואס איז א סכנה בגוף וואס איז אויך א פועל יוצא פון די ציוניסטישע מרידה באומות, אידן געפינען זיך אין א שרעקליכן מצב סכנה ווען אחב"י זענען נתונים בצרה ובשבי' בכל מקומות מושבותם ובפרט אחב"י דרי ארץ הקודש, קענען מיר בלויז ערקלערן איינמאל און נאכאמאל – לויטן דרך התורה כאשר קבלנו מאבותינו ורבותינו הק' – אז דער תורה טרייער אידענטום האט נישט דאס מינדעסטע שייכות מיטן מלכות המינות, וואס איז קעגן די תורה און קעגן דעם רצון ד', אידן האבן נישט קיין חלק ונחלה אין זייער התגרות באומות, תורה טרייע אידן ווייטאגן אויף די שרעקליכע סכנה וואס אידישע קינדער געפונען זיך איבעראל באשמת הציונים, תורה טרייע אידן ווילן לעבן בהכנעה אונטער די אומות העולם איש על מחנהו ואיש על דגלו, יעדער אין זיין לאנד ווי די השגחה עליונה האט אים אהינגעפירט, און דארטן ווארטן אויף ישועת השי"ת, תורה טרייע אידן טארן נישט ווערן - אויף קיין שום פאל – פארבינדן מיט די שרעקליכע מעשים פון התגרות באומות וואס דער ממשלת הכופרים טוען, נאר דאס קענען מיר זאגן ותו לא מידי.

### אל תתעלם מתחינתינו כי בצרה גדולה אנחנו

די רעכטע עצה וואס איז פארבליבן פאר אידישע קינדער צו טוען, וואס איז א חיוב דאורייתא אויף יעדן איד אין אזא שרעקליכע עת צרה ליעקב אשר כמוהו לא נהייתה, איז מרעיש עולמות צו זיין מיט תפלות ותחנונים צום בוכ"ע, נפלה נא ביד ד' וביד אדם אל אפולה ווי מרן רביה"ק זי"ע פלעגט דאס חזר'ן, מיר ברויכן זיך אויסוויינען פאר השי"ת ער זאָל זיך שוין מרחם זיין על עמו ועל ארצו ועל נחלתו. ער זאָל שוין אָפטאָן די צרה פון כלל ישראל. די מדינה זאָל וואָס גיכער נתבטל ווערן מתוך רחמים וחסדים, - וואס וועט זיכער בטל ומבוטל ווערן כעפרא דארעא, מען ברויך מתפלל זיין אז אז זאל זיין אָן קיין שאָדן פאַר קיין שום נפש מישראל. אין די טעג דאַרפן אידישע קינדער מרבה זיין בתפלה ובתחנונים אויף די אמת'דיגע הצלה פון אחב"י יושבי ארה"ק, ובכל מקומות מושבותיהם, אַז מיר זאָלן ניצל ווערן מכל צרה וצוקה, מיר זאָלן שוין זוכה זיין צו די ישועה אמיתית, בביאת משיח צדקנו מתוך רחמים וחסדים במהרה בימינו אמן.

נאָכגעפאָלגט וואָס אין די פריערדיגע טעג אין וואָך האָט מען געטראָפן "דזשיהאַד פאַר איזראַעל," און "דזשיהאַד די איינציגסטע לעזונג פאַר פּאַלעסטינע," אויפשריפטן אין סטעמפאָרד היל, גאָלדערס גרין און מאַנטשעסטער. צווישן די וואַנדאַליזירטע ערטער איז געווען 25 באָס סטאַפּס און געביידעס אין די קלעפּטאָן קאַמאַן און אומגעגנט. אויך האָט מען געפונען די לאָזונגען ביים אַריינגאַנג צו די פינטשלי-קינלאָס שול. עס זענען אויך אַריינגעקומען דראָאונג מעסעדזשעס צו די ענגלישע באָורד אָוו דעפּיוטיס.

**פּרוּאוו אונטערצוצינדן שול** – אינמיטן די וואָך איז באַריכטעט געוואָרן אַז וואַנדאַלן האָבן פּרובירט אונטערצוצינדן אַ שול אין דרום מערב לאָנדאָן. פּאָליציי האָבן געמאָלדן אַז מ'האָט פּרובירט אויפצושיסן אַ פענסטער פון די שול אין די בראָנדעסבורי גאַס, אָבער ס'איז זיי נישט געלונגען צוליב די ספּעציעלע באַשיצטע פענסטערס וואָס די געביידע האָט. זיי האָבן דערנאָך פּרובירט צו גיסן נאַפּט און אונטערצינדן די פאָדערשטע טיר, אָבער עס האָט בלויז פאַראורזאַכט אויסערליכע שאָדנס.

**איסלאַמישע זייטלעך רעכענען אויס אידישע צילן** – ענגלישע אויטאָריטעטן האָבן אויסגעדרוקט זאָרג נאָך וואָס אויף איסלאַמישע וועב זייטלעך האָבן אָנגעהויבן צו ערשיינען ליסטעס פון וויכטיגע אידן אין ענגלאַנד. אין איינע פון די זייטלעך איז געשטאַנען "האָבן מיר אַ ליסטע פון הויפּט אידן וועלכע מיר קענען צילן?" איין וועב-זייטל וועלכע האָט שוין אַן עקסטרעמיסטישע היסטאָריע, האָט געהאַט אַ לינק צו אַ ליסטע פון די הונדערט פּראָמינענסטע אידן אין לאַנד. די קאָמיוניטי סעקיורויטי טראָסט האָט געזאָגט אַז זיי ראָטן וויכטיגע אידן "צו זיין וואַכזאַם וועגן מעגליכע געפאַרן."

### בעלגיע

אידן אין בעלגיע, אַריינגערעכנט די היימישע אידן געגנט אין אַנטווערפּן – וואָס נעבן זיי וואוינט אַ גרויסע מוסלעמענער באַפעלקערונג פון אַרום פערציג טויזנט - האָבן געליטן פון אַ רייע אָנפאַלן און דראָאונגען. אידן היטן זיך שטאַרק וואו זיי גייען, ספּעציעל ביינאַכט, ווערט באַריכטעט. "זאַכן ווערן אָנגעהיצט דאָ אין בעלגיע," האָט געזאָגט איין אַקטיוויסט.

**פּראָטעסטירער אין אַנטווערפּן לאָזן זיך צו אידישע געמיינדע און שעדיגן געשעפטן** – אַן אַראַבישע דעמאָנסטראַציע אין אַנטווערפּן, פאָריגן מיטוואָך, איז שנעל פאַרוואַנדעלט געוואָרן אין ראַיאָטן, און די פּאָליציי האָט אַריינגערופן ספּעציעלע כוחות אָפּצושטעלן די ראַיאָטיער ווען זיי האָבן זיך אָנגעהויבן לאָזן צו די ריכטונג פון די שטאָט'ס אידישע געגנט. דורכאויס די פּראָטעסט האָבן באַטייליגטע אויסגעשאָסן פענסטערס פון קאַרס און אַטאַקירט באָסעס. די פּאָליציי האָבן אָפּגעשטעלט דעם פּראָטעסט, ווען 200 דעמאָנסטראַטן האָבן זיך גענומען גיין צו די אידישע געגנט. פּאָליציי האָבן גערופן געשעפט אייגענטומער צו צושפּאַרן זייערע ערטער איידער די דעמאָנסטראַציע קומען אָן צו זייערע גאַסן, צו פאַרמיידן שאָדנס.

אויך שבת איז פאָרגעקומען אַ פּראָטעסט אין וועלכע באַטייליגטע האָבן געשפּריצט האַסן לאָזונגען אויף אידישע געשעפטן. פּאָליציי האָבן אַרעסטירט פופציג ראַיאָטירער. לויט באַריכטן האָט מען געשריגן ביי די אומגעזעצליכע פּראָטעסט "טויט צו די אידן," ר"ל, און טייל האָבן געטראָגן וואָפן.

**מאָלטאָוו פלעשל שעדיגט ליבעראַלע סינאַגאָגע** – אַ מאָלטאָוו פלאַש איז געשאָסן געוואָרן אויף אַ ליבעראַלע סינגאַגאָגע אין בריסל, פאַראורזאַכנדיג

פינאַציעלע, אָבער נישט קיין פיזישע, שאָדנס. דאָס זעלבע איז אַ שול אין טשאַרלערוי, דרייסיג מייל פון בריסל, צוויי מאָל אין איין טאָג באַשאָסן געוואָרן מיט שטיינער, וועלכע האָבן אויסגעקראַכט שויבן.

**פאַרזוך אונטערצוצינדן הויז פון חב״ד משפחה** – שבת קודש האָט מען פרובירט אַריינצושטופּן שמאַטעס מיט ברען-שטאָף אין די פּאָסט קעסטל פון אַ חב״ד משפחה אין אַנטווערפּן. צום מזל איז די פייער באַצייטנס געכאַפּט געוואָרן, ווען איינער פון די הויז האָט געשמעקט רויך אינמיטן די נאַכט, און מ'האָט אַנטדעקט די ביזוויליגע אונטערצינדונג פּרואוו. פּאָליציי און פייער לעשער האָבן שנעל פאַרלאָשן דאָס פייער, און די הויז האָט געליטן בלויז מילדע רויך שאָדנס. ביי אַ צווייטן חב״ד רב האָט מען צובראָכן די דרויסנדיגע מנורה אויסשטעלונג.

**אַנטווערפּענער אידן ערהאַלטן טויט דראָאונגען** – אידן אין אַנטווערפּן האָבן באַקומען טויט דראָאונגען ר״ל. אין איין פאַל האָט דער דראָער געשריבן. "ענק זענען נישט זיכער, איך ווייס וואו ענק צו טרעפן, קינד ביי קינד." דער וואָס האָט באַקומען די דראָאונג, מייקעל פריילינך, דער אַרויסגעבער פון אַ חודש'ליכע אויסגאַבע, האָט זיך צוזאַמענגעשטעלט מיט אַ מוסלעמענער מיטגליד אין די פלעמישע ליבעראַלע פּאַרטיי צו רופן צוריקצושטעלן פרידן און רואיגקייט אין די שטאָט.

## איבער די וועלט

אויך אין אַנדערע אייראָפּעער שטעט, וועלכע האָבן זייער קליינע אומאָנזעבאַרע אידישע געמיינדעס, האָבן פּאַסירט אַנטיסעמיטישע אַטאַקעס.

### איזראַעליס געשאָסן אין דענמאַרק שאַפּינג צענטער

צוויי איזראַעליס, אַרבעטער אין אַ שאַפּינג מאָל אין צענטראַל דענמאַרק, זענען פאָריגן מיטוואָך געשאָסן געוואָרן, דורך אַ 27 יעריגן דענישער בירגער וועלכער איז געבוירן אין לבנון צו פּאַלעסטינער עלטערן. די דערשאָסענע, זענען געווען אַרבעטער אין אַ געשעפט, אין די צוואָנציגער יאָרן. איינער איז געשאָסן געוואָרן אין אָרעם, און אַ צווייטער אין פיס. זיי זענען אָפּגעקומען מיט לייכטע וואונדן.

נאָך די אַטאַקע, האָבן די פירער פון די אַלגעמיינע דענישע שולעס גערופן אידישע עלטערן נישט איינצושרייבן אין די פּובליק שולעס, ווייל זיי קענען אַטאַקירט ווערן דורך מוסלעמענער סטודענטן. אין רעאַקציע, האָבן אידישע פירער געזאָגט אַז אָרטיגע אידן שיקן ממילא די קינדער אין אידישע שולעס, אָבער אויך דאָרט ציטערט מען די קינדער זאָלן חלילה נישט ווערן קיין צילן. אין קאָפּענהאַגען איז די אידישע שולע אַרומגענומען מיט שטעכל דראָט צוימען, צו פאַרמיידן אַטאַקעס, ר״ל.

### אָנגרייף אויף אידישן צענטער אין שוועדן

אין העלסינגבאָרג, דרום שוועדן, האָט איינער אַטאַקירט אַ אידישע קהלה מאָנטאָג נאַכט. ער האָט צובראָכן אַ פענסטער און געוואָרפן אַ ברענעדיגע זאַך. דאָס איז געקומען אַ טאָג נאָך וואָס אין די הויפּט שטאָט, שטאָקהאָלם, האָט מען געפונען אויפגעשריבן אויף די איזראַעלישע אַמבאַסאַדע, "מערדער, איר האָט צובראָכן דעם פייער אָפּשטעל." אָבער ליידער ווערט דער שולד אויך געלייגט אויף אַלגעמיינע אידן.

אויך אין דייטשלאַנד און שווייץ, און בכלל איבער אייראָפּע, באַריכטן נייעס קוועלער, אַז עס זענען שטאַרק געשטיגן די צאָל דראָאונגען אויף אידן, ר״ל.

### האָלענדישע לינקע פּאָליטיקאַנטן: "אידן צו די גאַז"

ביי אַ ראַלי אין אַמסטערדאַם, האָלאַנד, געפירט דורך פּאַרלאַמענטאָרן אין די אָרטיגע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, האָבן די פּאַרזאַמעלטע געשריגן "אידן צו די גאַז," און אַנדערע העסליכע אויסשרייען. ביי דעמאָנסטראַציעס אין פלאָרידאַ, די וואָך, האָט מען אויך געשריגן ענליכע לאָזונגען, ווי "אידן צו די אויווענס," ה"י. ביז היינט פלעגט מען כמעט נישט הערן קיין האָלאָקאָוסט רעפערענצן, אָבער די ציונ'יסטישע אַקציעס ברענגן אַזאַ האַס קעגן אידן, אַז מ'נוצט שוין אויך נאַצישע לאָזונגען.

### איד פאַרוואונדעט אין סידני, אוסטראַליע

אין די ווייטע סידני, אוסטראַליע איז אַ אידישער מענטש אַטאַקירט געוואָרן דורכאויס אַ פּאַלעסטינער ראַלי. דער 47 יעריגער האָט געליטן אַ פאַרזוקטע פלייצע, ווען דריי פּראָטעסטירער זענען אים באַפאַלן, און ער וועט מעגליך דאַרפן דורכגיין אַן אָפּעראַציע עס צו פאַרעכטן. אויך איז די וואָך אַ טעמפּל אין מעלבאָורן אָנגעפּירקעלט געוואָרן מיט אַנטיסעמיטישע לאָזונגען.

### רוים יוניאָנס' רעדט פון אידענטיפיצירן און באָיקאָטירן אידישע געשעפטן

אַ יוניאָן אין רוים האָט אויפגענומען אַ פאָרשלאַג צו "אידענטיפיצירן און באָיקאָטירן" אידישע געשעפטן אין איטאַליע'ס הויפּט-שטאָט, אַלס רעאַקציע צו די איזראַעלישע אַקציעס אין עזה.

קאָמענטאַטאָרן זאָגן אַז עס דערמאַנט פון די פאַשיסטישע מוסילאָני רעזשים, וועלכע האָט בלויז ערלויבט אין די שטאָט אַריאַנער געשעפטן. דעם יוניאָן באַאַמטער'ס רעאַקציע איז געווען: "פאַר פופציג יאָר האָבן מיר זיך געזאָרגט פאַר די אידן וועגן וואָס זיי האָבן געליטן אין די וועלט קריג, אָבער איצט איז די צייט צו זיין באַזאָרגט פאַר די פּאַלעסטינער, וועלכע זענען די אידן פון היינט." נאָך וואָס זיינע סטעיטמענטס האָבן געצויגן שאַרפע פאַרדאַמונגען, האָט ער עס אָפּגעלייקנט.

דער פירער פון די יוניאָן, וועלכע פאַרטרעט אַכט טויזנט געשעפט איינגעשטעלטע, האָט געזאָגט אַז זיינע שטיצער שטעלן צוזאַמען אַ ליסטע פון אידישע געשעפטן. ער האָט געזאָגט אַז ער שטיצט ענדערש צו פאַרשפּרייטן אַ ליסטע פון גאַסן וואו רוב געשעפטן זענען אידיש, כדי מענטשן זאָלן אויסמיידן פון איינקויפן אין די גאַסן. באַאַמטע האָבן געזאָגט אַז דער פאָרשלאַג איז "שדרה סקרוכענד."

### שרעקליכע סכנה אויף תימן'ער אידן נאָך פּראָ-פּאַלעסטינער פּראָטעסטן

מ'קען אויך נישט אַרויסלאָזן פון דערמאַנען אונזערע ברודער אין

ריידאַ, תימן. טראָץ וואָס איידער די אינוואַזיע זענען זיי שוין געווען אין אַ סכנה און עס איז שוין דאָרט פאָרגעקומען אַ שוידערליכע רציחה, איז די געפאַר אויף די איבריגע אידן פילפאַכיג געשטיגן נאָך וואָס די ציונים האָבן אונטערגענומען די אַקציע אין עזה.

ביי זיי ווערט ליידער פראַקטיצירט די לאַנג-יעריגע ציוניסטישע פאַליסי, פון מאַכן ברענען דעם באָדן אונטער די גלות אידן כדי זיי זאָלן מוזן אַרויפקומען קיין איזראַעל. זיי מוזן עוקר זיין פון מקומות מושבותיהם וואו זיי זענען שוין טויזנטער יאָרן, די עסקנים אַרבעטן אבער אז זיי זאָלן קענען קומען צו די פאַראייניגטע שטאַטן אַנשטאָט מוזן גיין אויף איזראַעל.

דעם זונטאָג איז פאָרגעקומען אין זייער געגנט אין ריידאַ פראָטעסטן קעגן די איזראַעלישע אַקציעס אין עזה, און באַטייליגטע האָבן געוואָרפן שטיינער אויף אידישע צילן. איין אידישער איינוואוינער, זאַהאַר קאַפרי, איז געוואָרן פאַרוואונדעט און צובלוטיגט, און ער איז געווען אָנגעוויזן אין שפיטאָל באַהאַנדלונגען. נאָך עטליכע זענען פאַרוואונדעט געוואָרן. עס זענען אויך געווען באַריכטן אַז קינדער האָבן געליטן דראָאונגען. די אידן זענען איצט גענומען געוואָרן אונטער רעגירונג שוץ, כדי צו פאַרמיידן נאָך רציחות, ה"י.

## פאַראייניגטע שטאַטן

אויך אין די גאָלדענע אַמעריקע האָט מען געהערט פון אַ רייע וואַנדאַליסטישע אַטאַקעס, און דראָאונגען קעגן אידן אין אַלגעמיין, דאָהי האָט עס ב"ה נאָכנישט דערגרייכט צו קיין פיזישע אָנגרייפן, און דער אייבירשטער זאָל ווייטער האַלטן די רעכטע האַנט, אָבער די סעקיור קאָמיוניטי נעטוואָרק, אַ גרופע וועלכע קאָאָרדינירט זיכערהייט פון אידישע אינסטיטוציעס - וועלכע איז ענטשטאַנען נאָך סעפטעמבער 11 – האָט גערופן אידישע צענטערן איבערצוקוקן זייערע זיכערהייט פראָצעדורן אין ליכט פון די קריג אין מיטל מזרח.

**אין שיקאַגאָ** – אין די בעסערע נאָרט-סייד געגנט - איז דורכגעפירט געוואָרן אַ מאָלטאָוו פלאַש אַטאַקע אויף די רעפאָרם רעפאָרם טעמפל שלום, פאָריגן מאָנטאָג טיף אין דער נאַכט. עס האָט פאַראורזאַכט אַ קליינער פייער, אָבער קיינער איז נישט געשעדיגט געוואָרן אין די אַטאַקע.

צווישן די וואָס האָבן געליטן פון העסליכע אויסדרוקן, איז די לאָקאַלע אידישע געמיינדע אין דעלטאָן, דזשאָרדזשיע. זיי דרוקן אויס זאָרג אַז די געוואַלדטאַטן אין מיטל מזרח שאַפן אומרועןביי זייער שטעטל, נאָך וואָס זיי האָבן געפונען האַסן מעסעדזשעס אַרויפגעהאָנגען אויף זייער טעמפל, מיט אַ האַקנקרייץ אויף אַ מגן דוד. אין די געגנט וואוינען 1,500 אידן, און צוויי טויזנט מוסלעמענער. אויך אין טענעסי זענען צוויי שולן געשעדיגט געוואָרן פון שטיינער וואַרפעריי.

בעת, אין די אידישע צענטערן אין ניו יאָרק האָט מען נאָך ב"ה נישט געהערט פון קיין ערנסטע אינצידענטן, דאַרף מען אָבער גרויס רחמי שמים אַז די האַס זאָל חלילה נישט ברענגען קיין אַקטן. עס זענען דאָ גרויסע אַראַבישע געמיינדעס אין ניו יאָרק, ספעציעל אין ברוקלין וועלכע גרעניצן זיך מיט אידישן ישוב אין באָראָ פאַרק און פלעטבוש, און אין די פאַרגאַנגענהייט האָט מען שוין געליטן פון די אָנגעהעצטע געמיטער, ה"י.

איצט זעט מען אָן מער פּאָליציי וואַך אַרום די שול, אַלס זיכערהייט מאָסנאַם, און די פּאָליציי האָט אויך גערופן אידן צו זיין מער וואַכזאַם און באַריכטן פאַרדאַכטן. די מוסלמענער געמיטער זענען איצט געפערליך אויפגעהייצט, און דער אָרטיגער 'אָרטאָדאָקסישער-כך'ניק' אַסעמבלימאַן, מיט זיינע ווילדע אַרויסטריטן און ראַליס, גיסט ליידער צו אויל צום פייער.

**די בייזוויליגע פלענער ה"י** – ליידער הערט מען פון די טעראָריסטן ווי זיי זאָגן קלאָר אַז זיי ווילן צילן קעגן אידן איבער די גאָרער וועלט, וועלכע זיי זעען אַלס פאַראַנטוואָרטליך פאַר די איזראַעלישע מעשים. עס כאַפט אַ שוידער צו ליינען די ווערטער מאַהמוד זאַהאַר, אַ כאַמאַס פּאָליטישער פירער, וועלכער האָט געזאָגט אין אַן אינטערוויו אַז די ציונים "האָבן לעגיטימיזירט די מערדעריי פון זייערע אייגענע קינדער (ה"י), דורך הרג'ען די קינדער פון פּאַלעסטינער... זיי האָבן לעגיטימיזירט דאָס הרג'ען פון זייערע מענטשן איבעראָל אין די וועלט, דורך הרג'ען אונזערע מענטשן."

אידן איבער די וועלט דאַרפן איצט אַן אויסערגעווענליכע שמירה אַז די מזימות רשע - וועלכע זענען אַ רעזולטאַט פון די ציוניסטישע אַקציעס וועלכע שטעלן אַריין די אידישע וועלט אין אַ סכנה, מיט אַ רשעות'דיגע הפקרות - זאָלן חלילה נישט אויסגעפירט ווערן. און ווי שטענדיג, זענען ערליכע אידן ספעציעלע צילן ה"י.

עס קומט איצט נייעס אַז אין ארץ ישראל האָבן זיכערהייט לייט באַזוכט די תלמידי תורה און ישיבות, נאָך אינפאָרמאַציע אַז כאַמאַס פלאַנירט אַטאַקעס אויף רעליגיעזע אינסטיטוציעס, ה"י. עס איז טראַגי-קאָמיש אַז די צינדער, וועלכע האָבן אָנגעצינדן דעם פייער, קומען איצט מודיע זיין צו וואו דער פייער איז געריכטעט. זיי זאָגן אַז כאַמאַס זוכן איצט ספעציעל צו צילן קעגן רעליגיעזע צענטערן, וויבאַלד אין עזה האָט מען געצילט קעגן זייערע מעטשעטן. דער דערמאַנטער וואָרטזאָגער פון כאַמאַס האָט אויך געזאָגט, "זיי האָבן לעגאַליזירט פאַר אונז אַראָפּצוקנאַקן זייערע שולן, ווען זיי האָבן אָנגעגריפן אונזערע מעטשעטן. זיי האָבן לעגאַלידירט פאַר אונז אַראָפּצוקנאַקן זייערע שולעס, ווען זיי האָבן געקנאַקט אונזערע שולעס," ה"י.

## רעליגיעזע צילן אין מומבאי, אינדיע

ליידער, האָבן מיר נאָרוואָס געזען אַז טעראָר גרופעס פאַרלייגן זיך אויף רעליגיעזע צילן, אין די אַטאַקע אין מומבאי, וועלכע האָט אונז געטראָפן גאָר נאָנט אַהיים. איצט שטעלט זיך גאָר אַרויס אַז פון אַלע זייערע צילן, האָט די פּאַקיסטאַנער טעראָר גרופע דאָס מערסטע געצילט קעגן דעם חב"ד הויז. דאָס איז זיי געווען וויכטיגער ווי די טאַזש מאַהאַל האָטעל און די הונדערטער קרבנות ערגעץ אַנדערש.

אויספאָרשער זאָגן אַז דער לעבן געבליבענער טעראָריסט האָט זיי געזאָגט אַז דורכאויס די מושטירונגען און ביים זיך לאָזן צו זייערע צילן, האָבן די טעראָר פירער זיי אָנגעזאָגט אַז די חב"ד הויז אַטאַקע

טאָר אויף קיין פאַל נישט דורכפאַלן, און דאָס מוז דורכגעפירט ווערן פאַר יעדן פרייז אפילו אויב די אַנדערע פלענער פאַלן דורך.

די זעקס טייערע קרבנות זענען געווען אַ רעזולטאַט פון די שנאה וואָס ציונ'יזם האָט אָנגעזייעט קעגן אידן, און דאָס מערסטע קעגן רעליגיעזע אידן, און מיר דאַרפן מתפלל זיין און טאָן אונזער השתדלות אַז דאָס זאָל שוין זיין די לעצטע קרבנות פון די ציונ'יסטישע מדינה. מיר קענען נישט זיצן רואיג, און עובר זיין אויף לא תעמוד על דם רעיך, ווען די ציונים זייען אָן העצערייען און אַ שרעקליכע פייער קעגן אידן איבער די וועלט.

## נטרונא אנטהאַלט ווי-געשרייען פון אידן איבער דער גאַרער וועלט;

### גיט אַרויס שטאַרק אויפגעכאַפטע סטעיטמענט וועגן תורה שטעלונג; ווערט פאַרשפרייט אין פראָמינענטסטע מידיאַ קוועלער; נייעס סטאַנציעס ווענדן זיך פאַר אינטערוויוס

צו נטרונא זענען אַריינגעקומען ווי-געשרייען פון אידן איבער די וועלט, וועלכע האָבן פאַרלאַנגט מ'זאָל קלאָר שטעלן פאַר די אומות העולם אַז ערליכע אידן האָבן נישט קיין שום שייכות מיט די מדינה און איר‏ע אַקציעס. אַזוי אַרום קען מען האָפן אַראָפצונעמען דעם חרון אף פון די וועלט אידענטום.

נאָך די פילע פאַרלאַנגן, און ווי דער שטייגער איז שטענדיג קלאָר צושטעלן דעם דעת פון די וועלט אידענטום לויט אויסגעטרעטענעם שטייגער, כפי אשר הורו לנו אבינו רועינו דער רבי זי"ע, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ סטעיטמענט צו די פרעסע. די מעלדונג, וועלכע איז דורכגעזייעט געוואָרן בי"ג נפין, שטעלט קלאָר אין אַן עלאָקוואַנטע שפראַך "די תורה פאָזיציע אויף די איצטיגע קאָנפליקט אין עזה." עס ערקלערט אין קלאָרע ווערטער, אַז מיר וואַרטן אויף די גאולה שלימה, און ציונ'יזם איז פאַרקערט ווי אידישקייט. "אידן זענען בלויז קאַנאָנען פלייש אין וועלכע איזראַעל נויטיגט זיך צו ערדרייכן זייער אַגענדע."

"באַשיינפערליך, האָט די לאַנד פון איזראַעל נישט קיין פאַרבינדונג מיט אידן אָדער אידישקייט. נאָכמער, תורה אידן האָבן נישט טייל גענומען אין די גרינדונג פון די לאַנד, און פאַר צענדליגער יאָר האָבן מיר געמאָלדן אונזער אומצופרידנהייט און אום-פאַרבינדונג פון די לאַנד פון איזראַעל אין יעדע געלעגנהייט," לויטעט איין פאַראַגראַף.

ווייטער שטעלט עס פראַגע – וועלכע איז שטאַרק איבערגעשפילט געוואָרן אין פאַרשידענע ערטער: "וואָלטן די אידן געהאַלטן געוואָרן פאַראַנטוואָרטליך אין אַ קאָנפליקט צווישן צפון קאָרעאָ און דרום קאָרעאָ? קלאָר נישט! דעם זעלבן וועגן זאָלן אידן נישט געהאַלטן ווערן פאַראַנטוואָרטליך פאַר די ציוניסטן'ס קאָנפליקט מיט זייערע שכנים. די לאַנד פון איזראַעל האָט אַזויפיל צו טאָן מיט אידן און אידישקייט, ווי עס האָט ניו זעלאַנד און זימבאַבוועַ."

די סטעיטמענט איז געדעקט געוואָרן דורך די וועלט'ס גרעסטע נייעס אַגענטורן, ווי ראָיטערס, די גרעסטע אינטערנעט נייעס קוואַל, 'יאַהו', און הונדערטער צייטונגען און זשורנאַלן, אַריינגערעכנט 'פאָרבס' און נאָך פילע פראָמינענטע זשורנאַלן, וועלכע ווערן געליינט דורך הונדערטער טויזנטער מענטשן.

עס קומען אַריין באַריכטן פון אידן אין אויסלאַנד, אַז זיי האָבן נאָכגעהערט פון אַראַבישע ביזנעס פאַרבינדעטע איבער די סטעיטמענט, און עס האָט געטוישט זייער אויסקוק אויף ערליכע אידן. אַנדערע אידן צייגן עס פאַר זייערע שכנים, און עס העלפט זיי אַ געוואַלד צו באַרואיגן געמיטער און פאַרמיידן רייבערייען, חלילה.

זינט די פאַרשפרייטונג פון די פרעס רעליעס קומען אויך אַריין צו 'נטרונא' ווענדונגען פון ריזיגע נייעס אַגענטורן און מידיאַ פראָגראַמען, וועלכע ווילן אינטערוויאירן די אָרגאַניזאַציע פירער. זיי ווילן הערן מער וועגן די תורה'דיגע שטעלונג און אידן וועלכע האַלטן זיך געטריי דערצו.

ווי שטענדיג, ערשיינט אָבער נישט 'נטרונא' אויף אַזעלכע פראָגראַמען נאָר אויב מ'קומט נאָך פאַרשידענע באַדינגען וואָס עס ווערט דיסקוסירט ווערן, און ווי אַזוי די פראַגעס וועלן גיין, צו פאַרזיכערן אַז עס קומט נישט אַרויס קיין חילול השם, וואָס קען אַלץ פאַסירן אין אַזעלכע האַקעלע אויפטריטן וואו די נייעס קוועלער זוכן סענזאַציעס. מ'האַנדעלט איצט מיט עטליכע אַגענטורן וואָס ווערט בעזהשי"ת מאַכן אַ מהפכה ווי אַזוי ערליכע אידן ווערן געזען אין די וועלט - און ווען עס ווערט צושטאַנד קומען ווערט עס אי"ה באַריכטעט ווערן פאַרן ציבור.

### אידענטיפיקאַציע קאַרטלעך

נאָך אַ געדאַנק, וואָס איז אויפגעברענגט געוואָרן דורך נטרונא מעמבערס וואס פארן אסאך ארום געשעפטליך, ווערט איצט ב"ה דורכגעפירט. דאָס איז צו צושטעלן אידענטיפיקאַציע קאַרטלעך אַז זיי זענען מעמבערס אין נטרונא און האָבן גאָרנישט מיט די מדינה הציונית. אידן וואס פליען אסאך קיין אויסלאנד, און בפרט די וואס טוען ביזנעס מיט אַראַבער, האָבן אַפעלירט פאַר אַזאַ סערטיפיקאַט, כדי צו צייגן אַז זיי זענען נישט קיין ציונים, און נישט אחראים פאר זייערע מעשים, די ביזנעס קאַרטל פון נטרונא האָט ב"ה געהאָלפן פילע אַראָפנעמען די צאָרן פון אַראַבער און אַנדערע גויים קעגן זיך, און פיל מער קען מען דאס ערוואַרטען בעז"ה מיט די אידענטיפיקאַציע קאַרטלעך.

מיר זענען מתפלל אז אידן אין ארץ ישראל זאלן ניצל מכל צרה וצוקה, סיי פון די אלה ברצחנימו און סיי פון די אלה בנצחנימו, די רוצחים און די מחטיאים זאלן נישט האבן קיין שליטה אויף אידן, עס זאל נתקיים ווערן די פסוק הנה עיני א-דני ה' בממלכה החטאה והשמדתי אתה מעל פני האדמה אפס כי לא השמיד אשמיד את בית יעקב נאם ה'.

דער אייבירשטער זאָל העלפן אַז די אַלע פעולות זאָל ברענגן די געוואונטשענע צילן, אַראָפצונעמען די סכנות און שנאה פון אידן בכל מקומות מושבותיהם, און ענדיגן דעם חילול השם אַז אידן שטייען אונטער די שרעקליכע מרידה באומות און וואולגאַרישע אַקציעס פון וואָס די גאַנצע וועלט ליידט, ביז מיר וועלן שוין זוכה זיין צו די גאולה שלימה בב"א.

# די פאפולערע ״פרעס-רעליעס״ פון ״נטרונא״ איבער די גארער וועלט...

אין די יעצטיגע שווערע טעג, ווען עס איז ווידער אויפגעפלאקערט געווארן א שרעקליכער התגרות באומות ה"י, האט ״נטרונא״ ווידער ארויסגעשיקט א גאר אינהאלטסרייכע ״פרעס-רעליעס״ צו אומצאליגע אדרעסן, וועלכע האט ב"ה ווידער געהאט אן אויסטערלישער אפקלאנג איבעראל, און איז געמאלדן געווארן אין א שיעור מידיא פארעפענטליכונג'ס ערטער און בארימטע וועב-זייטלעך. דאס פאלגענדע איז א פרייע איבערזעצונג אין אידיש וועלכע איז איבערגעשריבן געווארן לתועלת פונעם היימישן ציבור פון דעם ״פרעס-רעליעס״ וועלכע איז ארויסגעשיקט געווארן.

# דער תורה'דיגע שטאנדפונקט וועגן דעם יעצטיגן קאנפליקט אין עזה

ווידערמאל לייענען מיר שוידערליכע נייעס-קעפלעך וועגן די אומרוען אין מיטל מזרח. אין איין לאנגע קייט פון טראגעדיע און ציווילע בלוט פארגיסונג, ציווילע געגנטער זענען פארוואנדלט געווארן אין מלחמה זאנעס און דאס טעגליכע לעבנסשטייגער פון ציווילע בירגער איז צושטערט געווארן דורך די בסדר'דיגע אנוועזנהייט פון שאטנס פון טערראר און שרעק.

אונזערע לייענערס זענען שוין פון לאנג באקאנט מיטן דעת תורה, לאמיר עס ווידער אויסרופן קליפ און קלאר: **די ציוניסטישע אידעאלאגיע איז א סתירה צו די תורה!**

ציונית איז בייזוויליג געשאפן געווארן צו ערזעצן די תורה און אירע געטליכע מצוות מיט נאציאנאליסטישע, מאכט – געטריבענע אידעאלן וועלכע זענען ליידיג פון קדושה, געטליכקייט, און רוחניות.

גאטספארכטיגע אידן גלויבן אז די ענדגילטיגע גאולה פון אידישען פאלק וועט קומען נאר דורך די האנט פון השי"ת, און אז בשעת די גאולה וועט הערשן שלום איבער די גאנצע וועלט. סיי וועלכע אנדערע סארט גאולה איז נישט מער ווי א זינדיגע פארלעצונג, פארבאטן דורך דעם באשעפער און זיין הייליגע תורה.

מ'דארף נישט מער באווייזן צו דעם ווי דער פאקט אז הונדערטער יארן האבן אידן געלעבט בשלום אין

## The Torah Position on the Current Conflict in Gaza

Once again, we find ourselves reading horrifying headlines regarding the unrest in the Middle East. In one long chain of tragedies and civilian bloodshed, residential neighborhoods have been transformed into war zones, the daily lives of civilians distorted by ever-present shadows of terror and fright.

Our readers have long been familiar with the Torah position; let us re-announce it boldly and clearly: **The Zionist ideology is antithetical to the Torah.**

Zionism was deviously designed to replace the Torah and its holy, God-given commandments with nationalistic, power-driven ideals that are devoid of holiness, godliness, or spirituality.

God-fearing Jews believe that the ultimate Redemption of the Jewish Nation will come about only through the Hands of God, and that at the time of the Redemption, peace will reign in the entire world. Any other type of forced “redemption” is but a sinful transgression, condemned by God and His Holy Torah.

What more proof does one need than the fact that for centuries, Jews have lived peacefully in Arabic countries, enjoying the respect and friendship of their neighbors? The tragedy of Zionism changed all of that. The painful truth is that in the eyes of the Zionist government, Jews are merely the cannon-fodder needed for the State of Israel to achieve its agenda.

Obviously, the State of Israel has absolutely no connection with either Jews or Judaism. Furthermore, Torah-true Jews did not participate in the founding of the State, and for decades, we have announced our disapproval and disassociation from the State of Israel at every opportunity.

The following explanation clarifies this issue beautifully: "Would the Jews be held responsible in a conflict between North Korea and South Korea? Obviously not! In the same way, Jews should not be held responsible for the Zionists' conflicts with their neighbors. The State of Israel has as much to do with Jews and Judaism as does New Zealand or Zimbabwe," says Rabbi Hersh Lewinthal.

May it be clear to every nation, to every person in the entire world: **JEWS ARE NOT ZIONISTS!**

The Zionists are neither our representatives nor our spokesmen. They have absolutely no right to speak in the name of world Jewry. It is a terrible mistake to confuse Jews with Zionism, or to blame Jews for Zionist actions. We truly wish to live in peace with every nation in the world. We pray for our Jewish brethren as well as for the non-Jews in the Middle East, that they may be saved from danger and peril.

And most of all, we await that great day when G-d's glory will be revealed in the entire world, and there will be peace for all of humanity. Amen.

אראבישע לענדער, געוויסנדיג פון רעספעקט און פריינשאפט פון זייערע שכנים. די טראגעדיע פון ציונית האט אלעס געטוישט. דער ווייטאגליכער אמת איז, אז אין די אויגן פון די ציוניסטישע רעגירונג זענען אידן נישט מער ווי קאנאנען-פלייש וואס איז נויטיג פאר מדינת ישראל צו עררייכען אירע צילן.

ס׳איז זעלבסטפארשטענדליך אז מדינת ישראל האט נישט קיין שום שייכות מיט אידן אדער אידישקייט. אמת׳ע תורה׳דיגע אידן האבן נישט אנטייל גענומען אין די גרינדונג פון די מדינה, און שוין צענדליגער יארן מעלדן מיר שוין אונזער אומאיינשטימיגקייט און אפגעזונדערטקייט פון מדינת ישראל ביי יעדע געלעגנהייט.

דער פאלגנדער משל ערקלערט זייער שיין דעם ענין:

״וואלטן די אידן געווען פאראנטווארטליך ביי א קאנפליקט צווישן דרום קארעא און צפון קארעא? זיכער נישט!

אויפ׳ן זעלבען אופן דארף מען נישט האלטן אידן פאראנטווארטליך פאר קאנפליקטן צווישן די ציונים מיט זייערע שכנים. מדינת ישראל האט פונקט אזויפיל צו טאן מיט אידן און אידישקייט ווי ניו זילאנד אדער זימבאבווע ״, זאגט הרב הערש לעווענטאהל.זאל זיין קלאר פאר יעדע מדינה, פאר יעדן מענטש אין די גאנצע וועלט: **אידן זענען נישט ציונים! ציונים זענען נישט אונזערע פארטרעטער!**

זיי האבן נישט קיין שום רעכט צו רעדן אין נאמען פון וועלט אידנטום. ס׳איז א שרעקליכער טעות צו פארטוישן אידן מיט ציונית אדער צו באשולדיגן אידן פאר די ציוניסטישע מעשים. מיר ווילן באמת לעבן בשלום מיט יעדע פאלק אויף דער וועלט. מיר זענען מתפלל פאר אונזערע אידישע ברידער, און אויך פאר די נישט-אידן אין מיטל מזרח אז זיי זאלן באשירעמט ווערן פון געפאר און סכנה.

און איבער אלעם ווארטן מיר אויפ׳ן גרויסען טאג ווען דעם באשעפער׳ס כבוד וועט אנטפלעקט ווערן אין די גאנצע וועלט און ס׳וועט זיין שלום פאר די גאנצע מענטשהייט, אמן.

* * *

**ה״פרעס רעליעס״ שנתפרסם ע״י ״נטרונא״ מתורגם ללשה״ק לתועלת תושבי ארה״ק**

# עמדת התורה לגבי הקונפליקט הנוכחי בעזה

פעם נוספת אנו מוצאים את עצמנו קוראים כותרות עיתונים מחרידות המתייחסות לאי השקט במזרח התיכון.

שורה ארוכה של טרגדיות אנושיות ושפיכות דמים, הרג של אזרחים חפים מפשע וצללי הטרור והפחד המאפילים על שגרת חיים של אזרחים פשוטים.

קוראינו מכירים את עמדת התורה אך אנו מבקשים לחדד ולהדגיש אותה: **האידיאולוגיה הציונית היא סתירה מוחלטת לתורתינו הקדושה!**

הציונית עוצבה בזדוניות על מנת להחליף את התורה ואת מצוותיה הקדושות שניתנו על ידי האל באידיאלים לאומנים וכוחניים אשר ריקים מקדושה, אלוקות או רוחניות.

יהודים יראי שמיים מאמינים שהגאולה של האומה היהודית תבוא אך ורק מידי האל ובזמן הגאולה השלום ישלוט בעולם. כל סוג אחר של גאולה כפויה היא חטא ואסורה על ידי אלוקים ותורתו הקדושה.

לאיזו עוד הוכחה אנו זקוקים כאשר במשך מאות יהודים חיו בשלום במדינות ערביות וזכו ליחס של כבוד וידידות משכניהם? טרגדית הציונות שינתה את כל זה. האמת הכואבת היא שבעיני הממשלה הציונית , היהודים הם בשר תותחים שבעזרתו המדינה הציונית תשיג את מטרותיה.

כמובן, למדינת ישראל אין שום קשר ליהודים או יהדות. יותר מכך, "יהודים נאמני התורה" לא לקחו חלק בייסוד המדינה ובמשך עשורים הכרזנו על אי הסכמתנו עם כך ואי הזיקה שלנו למדינת ישראל בכל הזדמנות.

ההסבר הבא מציג את הנושא יפה: "האם ניתן להאשים את היהודים בקונפליקט בין צפון ודרום קוריאה? מובן שלא! באותו אופן יהודים אינם צריכים להיות אחראים לסכסוך של הציונים עם שכניהם. מדינת ישראל קשורה ליהדות בדיוק כמו ניו-זילאנד או זימבאבווה," כך מסביר הרבי הרש לווינטל.

שיהיה ברור לכל אומה ולכל אדם בכל העולם: **יהודים אינם ציונים!**

הציונים אינם נציגנו או דוברינו. אין להם שום הצדקה לדבר בשם יהדות העולם. זו טעות איומה לבלבל את היהודים עם ציונות או להאשים את היהודים במעשי הציונים. אנו מעוניינים לחיות בשלום עם כל אומות העולם. אנו מתפללים עבור אחינו היהודים וגם עבור הלא יהודים במזרח התיכון שיינצלו מכל הסכנות.

ויותר מהכל אנו ממתינים לאותו יום גדול שבו תהילת אלוקים תתגלה בכל העולם והשלום יבוא על כל האנושות. אמן.

**True Torah Jew** 183 Wilson Street P.M.B. 16 Brooklyn, N. Y. 11211 (718) 841-7053 / Fax (718) 504-4513